Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

42

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 42

עלקאָנעג איז אינגאנצנ ניט צומ הארצנ,
וואָס גלאשא האָט איר בעט אינ א באראק:
— אז מאלע וואָס סע טרעפט זיכ אונ סע מאכט זיכ, —
גיט בא דער ארבעט אימ אינ קאָפּ אזא מינ האק.

סע קומט אימ אויס — א יונגע זאכ —
באלאָנימ וואָלטנ שטעלנ זיכ געקאָנט דאָרט אינ די רייענ;
אונ וויפל דארפ מענ עס — א סאכ?
אז ס'זאָל איר עמעצער דעמ קאָפּ פארדרייענ...

אָט דרייט זיכ שוינ לעמ איר ארומ סומבאטא,
ער, אז ער ווארפט אנ אויג, איז שלעכט;
עלקאָנע ווייסט, אז באמ אינסטרוקטאָר גייט עס גלאטיק,
אז נאָכדעמ וועט מענ מעגנ שטעלנ לעכט...

עלקאָנע ווייסט — סומבאטא האָט א ווינונג,
און אויסגעפוצט די צימערלעך מיט א געשמאק;
און פאָרהענגלעך מיט בלײאַנדעלעך אזוינע,
און ער ווינט נאָך ביז איצט אין א באראק.

ס'האָט אים אין קאָפּ גענומען דרעשן,
און ווי א פרײַנט האָט אים געוואָרנט אווראָם־הערש:
— ער קאָן זי דיר, עלקאָנע, פארטיק מאכן אד-לעכעזשבן,
דו ווערסט זיך ניט אוספייען טאָן א קער!

ער קאָן איר צוזאָגן דאָרט האָרים און געוואָעס,
אָט ווי דו קוקסט אים אָן. ער האָט בעיאד,
און אָט אזוי ביז ווען, ביז וואָס,
איז... בעסער ניט פארלאָז זיך אפ דעם יאט! —

דעריבער איז עלקאָנע גלײַך אוועקגאנ צו טרובא,
ווי א פארוווּנדעטער נאָך הילף, מ'זאָל עפּעס טאָן אים;
— איך דארף א שטוב, טרובא! א ווינונג. באלד! —
ט'אים אָנגעקוקט טרובא נ'געלאכט: — עלקאָנע!

אפילע מיט א גאָרטנ נ'מיט א סאָד
און וואָס דיר ווילט זיך דאָרט אליינ נאָר;
פאראנענ פלאצ גענוג. דו ווילסט, איז אָט
באפעל איך צופירנ דיר האָלצ און שטיינער! —

עלקאָנע איז געבליבנ שטיינ
א ביסל א צעשטרייטער;

ס'וועט אים טרובא פארשטיין, —
האָט ער א זאָג געגעבן ווייַטער:

— ס'איז זייער אײַליק. עקסטרענע, טרובא!
סע גייט, טרובא, מיר איצט אין לעבן. —
און ס'האָט טרובא ארויסגענומען אים דעם פּלאַן
דעם גאנצן פון דער שטאָט, וואָס בא דער הרעבליע

און: — קלײַב זיך אויס! —
האָט ער זיך שמייכלדיק צו אים געווענדעט, —
ס'וועט קלעקן. זעסט? ווי ברייט און גרויס,
מע דארף נאָר האָבן גוטע הענט דאָרט!

און צוטרעטן דו קאָנסט זיך גלײַך.
ס'איז פּלאץ פאראנען, אויב דו ווילסט, נעבן סומבאטאן;
פון איין זײַט קוקן וועט צו דיר דער טײַך,
און פון דער אנדערער — די נײַע קאָמבינאטן!